# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בהעלותך תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 486

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### 'לאמר' לדורות

**"ויצעק משה אל ה' לאמר א-ל נא רפא נא לה"** (יב יג)

נאך וואס ס'שטייט "ויצעק משה אל ה'", פארוואס דארף די תורה צולייגן "לאמר"?

דער **'רבינו בחיי'** ערקלערט, אז דאס קומט אונז לערנען אז משה'ס געשריי איז נישט געווען נאר א הארצגעשריי, נאר 'איז גענצליך ארויסגעזאגט געווארן', ווי חז"ל זאגן (ברכות לא א) אז דער וואס דאוונט דארף אויסדריקן זיינע ווערטער מיט'ן מויל.

נאך ערקלערט **רבי מרדכי הכהן פון צפת:** אויפ'ן פסוק (בראשית כח כ) "וידר יעקב נדר לאמר" האבן די חכמים געזאגט (ב"ר ע א): "מהו לאמר? לאמר לדורות, כדי שיהיו נודרים בעת צרתם", אויך דא קען מען זאגן ע"פ דרש: "ויצעק משה אל ה' לאמר" - צו זאגן פאר די דורות אז זיי זאלן מתפלל זיין אויף די קראנקע (שפתי כהן).

**רבי צבי הירש פארבער**, פון די לאנדאנער רבנים, לייגט צו אז אויך אין משה'ס פירונג איז געלעגן אן אנזאג לדורות, אז מען דארף גלייך מתפלל זיין אויפ'ן קראנקן אן אפצושטופן, ווי דער תרגום אונקלוס טייטשט משה'ס תפילה: "בבעו אסי כען יתה"[ביטע הייל איר יעצט אויס] (כרם הצבי).

### דער 'אמן' טראגט דעם 'יונק'

**"האנכי הריתי את כל העם הזה אם אנכי ילדתיהו כי תאמר אלי שאהו בחיקך כאשר ישא האמן את הינק על האדמה אשר נשבעת לאבתיו"** (יא יא)

דרשנ'ט דער **'תפארת שלמה'**: "האמן" אינעם פסוק איז דאס ווארט געשריבן אלס חסר, אן קיין ו', אז מען קען עס ליינען "כאשר ישא האמן את הינק", אונז צו לערנען אז ווען מען ענטפערט אמן בכוונה און מען האט אינזין די הייליגע שמות וואס ליגן דערין, "יונקים מלמעלה את כל ההשפעות טובות לבני ישראל", קען מען אראפציען פון אויבן אלע גוטע השפעות. (תפארת שלמה, יתרו).

**רבי דוד צבאח**, ראב"ד מעקנעס, צייגט אן אין דעם פסוק א רמז צו די ווערטער פון רבי מאיר (סנהדרין קי ב) אז א קטן איז זוכה צו חיי העולם הבא "משעה שיאמר אמן", פון ווען ער ענטפערט אמן; "כאשר ישא האמן את הינק" - דער זכות פון ענטפערן אמן ברענגט דעם יונק לחיי העולם הבא ('משכיל לדוד' תהילים קיט אות ב).

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### משלים זיין ניינציג אמנים ביי ברכות השחר

אסאך פרעגן פארוואס מיר לייגן אזא שטארקע געוויכט אויפ'ן ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר. צי איז טאקע פארהאן א ספעציעלע חשיבות צו ענטפערן אמן דווקא נאך די ברכות?

אלע אקטיוויטעטן פון 'בני אמונים' זענען דאך געגרינדעט געווארן לעילוי נשמת אבי מורי רבי חיים בן ציון בן רבי אהרן צבי זצ"ל, וואס ער פלעגט ביז זיינע לעצטע טעג שטארק מקפיד זיין צו ענטפערן אמן ביי די ברכות השחר פאר פיל מענטשן וועלכע זענען געווען אין זיין געגנווארט, אבער נאך אלץ זענען פארהאן אזעלכע וועלכע ווילן פארשטיין: וואס איז די מקור צו דער דאזיגער הנהגה?

אין דער יעצטיגער ארטיקל און אין די נאכפאלגנדע בעז"ה וועלן מיר זיך שטעלן איבער דעם מנהג.

ווי באוואוסט, איז דער מנהג באשטימט געווארן דורכ'ן הייליגן 'בית יוסף' אין שולחן ערוך (או"ח ו ד), און דער 'מגן אברהם' (שם ט, דער 'משנה ברורה' ברענגט עס אין שם יג) ערקלערט עס מיט געציילטע ווערטער: "ס'זעט מיר אויס אז מען טוט אזוי כדי צו ענטפערן ניינציג אמנים, ווי עס שטייט אין 'זהר חדש' (קלב א) און אין 'תשובת מנחם עזריה' (סי' קיט) עי"ש."

די דאזיגע רייד פאדערן אן ערקלערונג: פארוואס דארף מען זיך ספעציעל אנשטרענגען צו ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר, כדי צו דערגרייכן צו די ניינציג אמנים א טאג; מיט אן איינפאכן חשבון אנטדעקן מיר דאך אז דורכ'ן ענטפערן אמן נאך די ברכות ביים דאווענען און קדיש קומען מיר דען נישט אן דערצו?

אין 'תשובות מנחם עזריה' וועלכער דערמאנט דעם 'מגן אברהם', וועלכע זענען באוואוסט היינט צוטאגס מיט'ן נאמען 'שו"ת הרמ"ע מפאנו", ווערן ערקלערט די ווערטער ווי ס'דארף צו זיין.

די פריערדיגע האבן ערקלערט אויף די רייד פונעם זוהר (שם) אז דאס וואס א איד דארף ענטפערן יעדן טאג אויף דברים שבקדושה, ווערט מרומז אינעם ווארט 'צדי"ק' - צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות. אויב מיר וועלן מדייק זיין אין די רייד, פארשטייען מיר אז ענטפערן אמן אויף קדיש ציילט זיך אין א באזונדערע אפטיילונג: י' קדישים, עס ווערט נישט גערעכנט אין די אלגעמיינע אמנים. דאס מיינט אז די ניינציג אמנים דארף מען צוזאמקלייבן פון אנדערע ברכות, און כדי אנצוקומען צו ניינציג ברכות, אפילו אויב מיר וועלן צוזאמרעכענען אלע אמנים וואס מיר ענטפערן ביי חזרת הש"ץ ביי שחרית און מנחה, דערגרייכן מיר נאך אלץ נישט צו האלב פון דער סארט, און טאקע דערפאר - ערקלערט דער 'מגן אברהם' און דער 'משנה ברורה' - איז געגרינדעט געווארן דער מנהג צו ענטפערן אמן אויף ברכות השחר.

לויט דעם זעען מיר, אז נאר א מענטש וואס איז מקפיד צו הערן פון ווייניגסטנס דריי מענטשן יעדן טאג די ברכות השחר, ווי דער מנהג וואס ווערט געברענגט אין שלחן ערוך, איז זוכה צו ערפילן זיינע ניינציג אמנים.

דא דארף מען זיין אויפמערקזאם אויף א וויכטיגע זאך: יעדער מענטש וואס דאוונט טאג-טעגליך דריי תפילות מיט מנין קען ערפילן די הונדערט ברכות, פיר קדושות און צען קדישים אן קיין ספעציעלע אנשטרענגונג, אבער צו זאמלען ניינציג אמנים דארף מען זיך יא ספעציעל אנשטרענגען: ענטפערן אמן אויף די ברכות השחר. ווער עס וועט עס נישט אויספירן, וועט פשוט נישט דערגרייכן צו דעם צאל.

טראכט אריין! א מענטש קען דורכאויס זיין גאנצן לעבן מקפיד זיין צו דאווענען דריי תפילות א טאג, אבער אויב ער וועט נישט אכט לייגן צו ענטפערן אמן אויף די ברכות השחר פון זיינע חברים, וועט ער נישט האבן אפילו איין טאג וואס ער האט ערפילט די ניינציג אמנים אויף ברכות אזוי ווי די חז"ל האבן באשטימט.

דער דאזיגער ענין איז אויך מרומז אין כתובים (ישעיה כו ב): "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים", אויב דו ווילסט אנקומען צו דער קוואנטום וועלכע איז מרומז אינעם ווארט צדי"ק, דארפסטו לייגן אן עקסטערן געוויכט איבער דעם שוואכסטן טייל פון די דאזיגע אפטיילונגען, און דאס איז 'צ' אמנים' און זיין א "שמר אמונים".

**מיט'ן אויסרוף "גוי צדיק שומר אמונים"**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

לעלוי נשמת אמי מורתי מרת דבורה בת הרה"ח ר' דב מרמורשטיין ע"ה

# די אפגעשריבענע אדרעס איז אין סידור

די פאלגנדע ערציילונג וואס איז לעצטנס געשען, רעדט זיך פון א חשוב'ן איד, א טאטע פון א קינדערגעבענטשטע פאמיליע, וועלכער איז אריינגעפאלן פאר פסח אין ערנסטע פינאנציעלע שוועריקייטן. דער צושטאנד האט זיך אזוי ווייט דערקייקלט, אז נאך איידער ער האט אנגעהויבן איינצוקויפן אויף פסח, האט ער זיך דערזען סיי מיט א ליידיגע טאש, און אויך דער קרעדיט קארט איז געווען גענצליך אויסגענוצט.

אין אנפאנג האט ער זיך נאך געקענט ווי-נישט-ווי 'דורכשטופן' מיט הלוואות און שאפן געלטער פון דא און דארט, אבער זייער שנעל איז אנגעקומען די מינוט פון וואס ער האט געציטערט: עטליכע טעג פאר פסח און דאס הויז איז געווען ליידיג, פשוטו כמשמעו. ער האט נישט געהאט פון וואו צו פארשאפן אפילו נאך איין גראשן.

וויבאלד ער האט נישט געקענט צוקוקן די צער און ווייטאג פון זיינע פאמיליע מיטגלידער, איז ער ארויס פון שטוב א פארלוירענער. ער האט זיך ארומגעדרייט אין די ירושלימ'ער גאסן, און זיך פלוצלונג דערזען ביים אריינגאנג פונעם באוואוסטן 'זכרון משה' שול. דאס איז געווען פונקט אין דער צייט פון 'מנחה גדולה', און ער האט באשלאסן אריינצוגיין אין שול און דאווענען אינאיינעם מיט די ערשטע מנינים וועלכע זענען דארט געווען.

ביז די מינוט וואס ער האט נישט אנגעהויבן


די זכרון משה שול אין ירושלים

צו דאווענען, האט ער אפילו נישט געוואוסט ווי גרויס איז דאס פעקל וואס ער שלעפט אויפ'ן הארצן. ער האט אנגעהויבן דאווענען, און אריינטראכטנדיג ווי די הלכה פאדערט אז ער שטייט פאר'ן קעניג, האט זיין טרערן דאמבע מיטאמאל געפלאצט. "פארוואס בין איך געגאנגען זוכן איבעראל הילף," האט ער געטראכט צו זיך, "איידער איך האב אויסגעגאסן מיינע זארגן פאר'ן קעניג פון דער וועלט וואס קען אלעס?" ער האט מתפלל געווען מיט א לעכצעניש און גלוסט, און ווען עס איז געקומען די צייט צו בעטן, זענען די ווערטער ארויסגעקומען ווי פון זיך אליין:

"באשעפער פון דער וועלט," האט דער איד אויסגעגאסן זיין הארץ מיט געוויין, "איך קען נישט אן דיר! דורכאויס דעם גאנצן יאר האב איך פרובירט יעדן מעגליכן וועג צו ברענגען ברויט פאר מיין פאמיליע, קוים מיט שוועריקייטן האב איך עס באוויזן. יעצט, ווען דער יו"ט פסח דערנענטערט זיך, ווען די אויסגאבן זענען אומגעהויער גרויס, שטיי איך פארשעמט און פארלוירן, איך ווייס נישט ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן; אין הויז איז נישטא קיין ברויט צו עסן, און ווער רעדט נאך פון מצות און וויין און אנדערע פילצאליגע געברויכן וואס פאדערן זיך צו מקיים זיין דיינע מצוות?!

"ביטע רבונו של עולם, אין דיינע הענט ליגט די מאכט און הערשאפט פון די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן, און עס איז נישטא קיין אפהאלט פאר דיר צו העלפן, אסאך צי ווייניג. איך ווייס און אנערקען אין מיין נישטיגקייט, איך בעט נישט פאר מיר, נאר פאר מיין פאמיליע און מיינע קליינע קינדערלעך וואס פאדערן זייערע געברויכן און עס איז נישטא."

א לאנגע צייט האט דער איד אויסגעגאסן זיין הארץ מיט געוויין. דער מנחה מנין וואו ער האט אנגעפאנגען דאווענען האט זיך שוין לאנג געענדיגט, נאך מנינים האבן שוין אנגעפאנגען נאך אים און אויך געענדיגט, און ער האט אפילו נישט אכט געלייגט איבער וואס עס טוט זיך ארום אים. זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט איז געווען געווידמעט צו זיין לויטערע תפילה.

און אזוי ווי ס'שטייט "קרוב ה' לנשברי לב ואת דכאי רוח יושיע" (תהילים לד יט), איז זיין לויטערע תפילה ארויפגעפלויגן גראד צום כסא הכבוד און איז אנגענומען געווארן ברחמים וברצון... די ישועה האט זיך נישט פארזוימט פון צו קומען.

אזוי ווי ער שטייט נאך און דאווענט, איז אריינגעקומען אינעם שטיבל וואו ער האט געדאווענט, א רייכער אמעריקאנער איד וואס איז געקומען מיט זיין פאמיליע פראווען דעם פסח אין ירושלים. דער גביר וואס האט קוים געלאנדעט אין ארץ ישראל, איז געווען פרייליך און איבערראשט איבער'ן זכות צו קענען פראווען דעם פסח סמוך ונראה צום מקום הקודש והמקדש, און דאס אויסזען פונעם ירושלימ'ער איד וואס וויינט ביים דאווענען, האט צעבראכן זיין הארץ. "זיכער נויטיגט זיך דער מענטש אין הילף," האט דער עושר געצויגן א מסקנה און האט באשלאסן צו ווארטן ביז יענער וועט ענדיגן זיין תפילה, זיך צו אינטערעסירן אין וועלכע ענגשאפט ער געפינט זיך און אים פרובירן העלפן.

אפאר מינוט שפעטער האט אונזער באקאנטער געענדיגט זיין לויטערע תפילה און האט אויסגעטראטן דריי טריט אויף צוריק. ער האט נאך אלץ נישט באמערקט דעם אמעריקאנער איד וואס האט אים געווארטעט הינטן און אים באטראכט מיט אינטערעס. ווען ער האט זיך געוואנדן ארויסצוגיין פון שול, איז דער אמעריקאנער אויפגעשטאנען פון זיין ארט, געדרוקט די האנט פון אונזער באקאנטן מיט א 'שלום עליכם', און האט זיך איידלערהייט אינטערעסירט אויב ער קען אים מיט עפעס העלפן.

אונזער באקאנטער, וועלכע איז געווען איבערראשט און פארוואונדערט פונעם 'מלאך' וואס איז אים געשיקט געווארן פון הימל, האט אפנהארציג דערציילט דעם פרעמדן אין וועלכע שווערע ענגשאפט ער געפינט זיך. ער האט דערציילט איבער זיין רייך-געבענטשטע שטוב און ארעמע קעשענעס און איבער זיין אומדערטרעגליכע ווייטאג צו שטיין קעגן זיין פאמיליע'ס צער.

דער גביר האט געהערט און איז באריגט געווארן. ער האט ארויסגעצויגן א צעטל פון זיין טאש און אויפגעשריבן דערויף זיין אדרעס וואו ער האלט זיך אויף וויילנדיג אין ירושלים. ער האט עס אויסגעשטרעקט צו אונזער באקאנטן און אים געלאדנט אים צו טרעפן אין זיין אכסניה נאך אין זעלבן אוונט.

אין די פריע אוונט שטונדן האט דער איד געקלאפט אויפ'ן טיר פונעם גביר'ס הויז. יענער האט אים אויפגענומען זייער פריינטליך, זיך אינטערעסירט איבער זיין לעבן און פאמיליע, און דערנאך געפרעגט: "וויפיל געלט פעלט דיר אז דו זאלסט קענען באזארגן די צרכי החג מיט א ברייטקייט?"

אונזער באקאנטער האט געטראכט און דערנאך געענטפערט: "לויט מיין אפשאץ וועט דריי טויזנט דאלער זיין גענוג."

אן קיין ווארט האט דער עושר ארויסגעצויגן זיין בערזל, אפגעציילט דערפון דריי טויזנט דאלער טבין ותקילין און עס אויסגעשטרעקט צום ערשטוינטן איד. דער לעצטער האט קוים באוויזן צו מורמלען עטליכע באגייסטערטע דאנק ווערטער און האט געוואנדן זיינע טריט אהיים.

אנקומענדיג אינדערהיים מיט די געלט אין האנט, האט ער דערציילט זיין פאמיליע דעם גרויסן נס וואס איז געשען, און זייערע געזיכטער האבן אויפגעלויכטן. אויסער די פינאנציעלע פארגרינגערונג, איז זיי עס אויך געווען א גרוס וואס איז געשיקט געווארן פון אויבן און זיי אויפגעוויזן אז דער באשעפער האט זיי נישט פארלאזט. אין דער ריכטיגער מינוט האט זיך זייער צושטאנד מיט איינמאל געטוישט צום גוטן.

עטליכע טעג שפעטער איז אונזער באקאנטער געפרעגט געווארן פון איינער וואס האט געהערט זיין מעשה, אויב ער האט ערגעצוואו געהיטן דעם נאמען און אדרעס פון יענעם עושר, אז ער זאל זיך שפעטער ווידער קענען העלפן מיט אים. דער ענטפער וואס ער האט באקומען האט אים איבערראשט: "דער אדרעס פון יענעם איד שטייט אין מיין סידור", האט דער מענטש געענטפערט מיט בטחון, "נישט איך האב אים געזוכט, פון הימל האט מען אים געשיקט צו מיר. און אויב איך וועל חלילה דארפן נאכאמאל, וועל איך ווידער אויסגיסן מיין הארץ פאר'ן באשעפער און ער וועט מיר שוין זארגן צו ברענגען די ריכטיגע הילף."

'טיב ההתחזקות' - תפילה, עמ' תרנא

# דרך אמונים

הלכות פון ענטפערן אמן

## דין 'אמן קטופה'

### פארפעלן איינע פון אירע אותיות

**א. מען דארף אכט לייגן ארויסצוזאגן דאס ווארט אמן בשלימות, נישט איינשלונגען דעם נו"ן ביים סוף ווארט אדער ס"יי וועלכע אנדער אות. אן אמן וואס ווערט געזאגט מיט'ן פארשלונגען איינע פון די אותיות, ווערט גערופן 'אמן קטופה', און די חכמים האבן פארבאטן צו ענטפערן אזא אמן.**

מקורות און ערקלערונגען:

רש"י (ברכות מז א ד"ה קטופה) ערקלערט אז 'אמן קטופה' מיינט: "דער וואס ליינט א נו"ן וואס ווערט נישט ארויסגעזאגט פון מויל אז עס זאל זיין קענטבאר", און אויך דער 'שלחן ערוך' (או"ח קכד ח) האט אזוי אנגענומען. רבנו יונה (ברכות לד ב מדה"ר) ערקלערט אז אן 'אמן קטופה' מיינט: "אז ער דערמאנט נישט אלע אותיות", און דער ב"ח (או"ח שם) שרייבט אז אפילו רש"י האלט אויך אזוי, נאר רש"י האט נישט געמיינט אנצוצייכענען אז מען "פארפעלט דעם נו"ן", נאר לויט ווי די געוואוינהייט פון מענטשן איז אויסצולאזן דעם אות נו"ן אין סוף ווארט, און זיינע ווערטער ווערן געברענגט אין 'באור הלכה (שם ד"ה קריאת).

### צעטיילן דאס ווארט אין צוויי

**ב. אין 'אמן קטופה' ווערט אויך אריינגערעכנט, דער וואס איז מפסיק אינמיטן ענטפערן אמן אויף אן אופן וואס דאס ווארט זעט אויס צעטיילט אין צוויי.**

מקורות און ערקלערונגען:

אין ספר הערוך (ערך אמן) ערקלערט, אז "אמן קטופה" איז אז ס'האט זיך "אפגעשניטן דער אמן אין צוויי", דאס מיינט אז דער וואס האט געענטפערט האט זיך אפגעשטעלט אינמיטן און צעטיילט דאס ווארט אמן אויף צוויי, ווען ער האט געזאגט 'א-מן' אדער 'אמ-ן', און ס'ווערט געברענגט להלכה אין רמ"א דארט.

### דער שטראף פאר ווער עס ענטפערט אמן קטופה אדער חטופה

**ג. די חכמים האבן געזאגט (ברכות שם): "כל העונה אמן 'חטופה' יתחטפו ימיו; קטופה - יתקטפו ימיו". ווער עס ענטפערט אזא געקאפטע אמן, וועלן זיינע לעבנסטעג צוגעכאפט ווערן ר"ל. ווער עס ענטפערט א געשניטענע אמן - וועלן זיינע טעג פארשניטן ווערן ר"ל.**

מקורות און ערקלערונגען:

דער ספר 'ברכת ראש' (ברכות שם) מאכט קלאר דער אונטערשייד צווישן ביידע שטראף ווי פאלגנד: "עס וועלן פארשניטן ווערן זיינע טעג" מיינט אז ער וועט שטארבן איידער זיין צייט, און דאס ווערט גערופן לויט די חכמים (חגיגה כח א) "כרת דשני" [פארשניטן פון יארן]. דאגעגן "עס וועלן צוגעכאפט ווערן זיינע טעג" מיינט אז ער וועט אוועקגענומען ווערן אין צייט אבער אויף א פלוצלונגדיגן אופן, און דאס ווערט גערופן בלשון חכמים (שם) "כרת דיומי" [פארשניטן פון טעג]. אנצוצייכענען אז אזוי איז פארשטענדליך פון די ווערטער פונעם רא"ש (ברכות ז יז) וועלכער זאגט: "חטופה - יתחטפו ימיו; קטופה - יתקטפו שנותיו."

אין ספר 'נוטרי אמן' (ח"ב עמ' שכ) ברענגט ער אין נאמען פונעם 'דרך אמונה', וועלכער איז געווען געוואוינט צו זאגן אויף דער היינטיגער תקופה וואו ס'איז פארהאן ליידער אסאך צרות און יונגע מענטשן וועלכע ווערן גענומען לעולם שכולו טוב, אז עס פאדערט זיך פון אונז זיך צו מחזק זיין ספעציעל אין די אנגעלעגנהייטן וואס אויף זיי ווערט געברענגט במפורש אין גמרא אז זיי ברענגען צו אזעלכע שטראף, און צווישן זיי ענטפערן אמן כהלכתה.

# דועי אמונים

פון די ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף ענטפערן אמן



הגה"צ רבי יעקב סופר שליט"א
דער זון פונעם 'אמרי סופר' פון ערלוי זצ"ל און דער רב פון ערלוי אין ביתר

איך וויל אראפברענגען עטליכע מנהגים פונעם רבי'ן זצ"ל אינעם ענין פון זאגן ברכות און ענטפערן אמן דערויף:

דער רבי זצ"ל פלעגט פיל אנזאגן אז יעדער זאל זיין אין שול שוין ביים אנפאנג דאווענען, כדי נישט צו דערלייגן קיין אמן. צוויי ספעציעלע הנהגות האט ער איינגעפירט אין זיין שול צו ענטפערן אמן: א. מען זאל זאגן 'ברכות השחר' נאך די קרבנות, מער נאנט צו דער תפילה זעלבסט, כדי אז אויך דער וואס האט אביסל פארשפעטיגט און זענען אנגעקומען נאר ביים סוף פון די קרבנות זאל נישט פארפעלן די אמן אויף ברכות השחר. ב. אז יעדן טאג ביי תפלת שחרית זאלן וויי'ניגסטנס צוויי מענטשן זאגן הויך די ברכות השחר, אז דער וואס האט געזאגט די ברכות זאל נישט פארלירן דעם זכות פון ענטפערן אמן נאך ברכות השחר.

צומאל פלעגט דער רבי אנווייזן פאר נאך מענטשן צו זאגן די ברכות אויפ'ן קול, ווייל אין זוהר (תקוני זהר חדש פג א) ווערט געברענגט די גרויסקייט פון ענטפערן ניינציג אמנים א טאג, און דורכ'ן פארמערן ברכות אויפ'ן קול איז גרינגער אנצוקומען צו דעם צאל. ער פלעגט מעורר זיין אז דער שכר פאר'ן ענטפערן אמן איז אומגעהויער גרויס, ווי חז"ל האבן געזאגט (שבת קלט ב): "כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן", ווי עס שטייט (תהלים כו ב): "'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים', אל תקרי אמנים אלא 'שאומרים אמן'". נאך פלעגט ער זאגן אז די ווארט אמן איז ראשי תיבות "אני מוסר נפשי".

אזוי אויך פלעגט ער שטארק מקפיד זיין אז עס זאל שטענדיג זיין ווער עס זאל ענטפערן אמן אויף זיינע ברכות. אויך ווען ער איז אויפגעשטאנען אינמיטן נאכט צו לערנען תורה, און קיינער איז נישט געווען מיט אים, האט ער אנגערופן זיין זון אין אמעריקע אז ער זאל אים ענטפערן אמן. ער פלעגט נאכזאגן פון צדיקים וואס האבן געטייטשט דעם פסוק (איוב כג יג): "והוא באחד ומי ישיבנו ונפשו אותה ויעש", אזוי: "והוא באחד" - ווען א מענטש זאגט ברכות ביחידות, "ומי ישיבנו" - און עס איז נישטא ווער עס זאל אים ענטפערן אמן, דאן "ונפשו אותה" - אויב ער וויל שטארק אז זיין ברכה זאל געענטפערט ווערן בשלימות, דאן "ויעש" - באשאפט דער באשעפער א מלאך וואס זאל ענטפערן אמן אויף זיין ברכה. (זע 'בגדי ישע' בי' קסז ס"ק לג וואס ער ברענגט אזוי אין נאמען פונעם אר"י הק').

# אוצרות אמונים

זיך באמיען צו ענטפערן אמן

## לויפן צו קענען ענטפערן אמן

אין 'חסד לאלפים' (נו א) באמערקט דער 'פלא יועץ', אז דער מענטש זאל מאכן יעדע אנשטרענגונג צו זוכה זיין אין דער מצוה פון ענטפערן אמן, ווי פאלגנד: "ראוי לכל אדם להשתדל לרוץ ולהמתין על עניית אמנים, ומי יתן והיה שישתדלו על עניית אמנים כמו על רוח איזה פרוטות. אל כגון זה נאמר (משלי ב ד-ה): 'אם תבקשנה ככסף וכמטמונים תחפשנה אז תבין יראת ה'". ס'איז ריכטיג אויף יעדן מענטש זיך צו באמיען נאכצולויפן אוןווארטן צו ענטפערן אמן, און ער זאל זיך באמיען אויפ'ן ענטפערן אמן אזוי ווי אויף א פארדינסט פון געלט. דערויף ווערט געזאגט 'אויב דו ווערסט עס באגערן ווי זילבער און זוכן ווי אוצרות דאן וועסטו פארשטיין יראת ה'.

## די גרויסע בושה אויף יענער וועלט

רבי יעקב קטינא, דער חוסט'ער דיין, שרייבט אין זיין ספר 'רחמי האב' (אות נו) אז ווייבאלד ענטפערן אמן איז א גרינגע מצוה וואס פאדערט נישט צופיל אנשטרענגונג פונעם מענטש, ליגט א ספעציעלע חוב אויפ'ן מענטש עס צו מקיים זיין. אויף מצוות וואס פאדערן אנשטרענגונג אדער געלט ביים עס מקיים זיין, וועט מען קענען לעתיד לבא דן זיין לכף זכות אז ער האט עס נישט מקיים געווען, אבער ביי מצוות אמן: "מה יענה ליום פקודה כשישאלוהו: 'למה לא עניית אמן - מה עבודה היא?!'" וואס וועט ער ענטפערן ווען מען וועט אים פרעגן: 'פארוואס האסטו נישט געענטפערט אמן, ווי שווער איז עס שוין?', און ער פארענדיגט איבער די גרויסע בושה וואס אזא מענטש וועט האבן אין עולם הבא, ווי עס שטייט אין תהלים (פג יז): "מלא פניהם קלון" - איז סופי תיבות אמ"ן.

# רזי אמונים

רמזי אמן און דפרשה

## ענטפערן 'אמן' פון די אייגענע ווילן טוט באשיצן

"וְכִי תָבֹאוּ מִלְחָמָה בְּאַרְצְכֶם עַל הַצַּר הַצֹּרֵר אֶתְכֶם וַהֲרֵעֹתֶם בַּחֲצֹצְרֹת וְנִזְכַּרְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם וְנוֹשַׁעְתֶּם מֵאֹיְבֵיכֶם" (י ט)

אויך אין אונזערע צייטן ווען מיר בלאזן נישט מיט חצוצרות (זעה מג"א אנהייב סי' תקעו; שו"ת 'אגרות משה' או"ח ח"א סי' קסט) האבן מיר א וואונדערליכע מצוה וואס איז ספעציעל מסוגל עס זאל מקויים ווערן די הבטחה פון "ונושעתם מאויביכם", דאס איז די מצוה פון ענטפערן אמן:

אזוי דרש'ענען די חכמים ('תנא דבי אליהו' רבה י) אויפן פסוק (שופטים ה ב): "בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה'" - "במי נפרע להם הקדוש ברוך הוא לישראל מאומות העולם? בבני אדם שמשכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן...".

מיט דעם האט געטייטש **רבי חיים** כ"ץ א אייניקל פון סמ"ע דעם פסוק אין תהילים (יב ב): "הושיעה ה' כי גמר חסיד כי פסו אמונים מבני אדם" - "הושיעה ה'", כאטש "כי גמר חסיד כי פסו אמונים" - מיר האבן נישט די ערליכע מענטשן וואס געבן אכטונג און האלטן טייער דאס ענטפערן אמן, וואס אין דעם זכות זענען מיר פארזיכערט געראטעוועט ווערן פון אונזערע פיינט.

האדמו"ר **רבי משה יחיאל פון אזוזרוב** לייגט צו, אז מיר וועלן מדייק זיין אין די ווערטער פון די חכמים וועלן מיר זען, אז דער עיקר שיצונג וואס קומט דורך ענטפערן אמן איז ווען עס ווערט געענטפערט אויף אזעלעכע ברכות וואס עס איז נישט קיין חיוב זיי צו הערן, צ.ב.ש. אין זכות פון "בני אדם שמשכימים ומעריבים לבית המדרש" כדי צו ענטפערן 'אמן', און אזוי ווי עס איז מדויק דער לשון הפסוק: "**בהתנדב** עם ברכו ה'" - ווען איינער באווילליגט לויבן ה' דורך 'אמן' כאטש ער איז נישט מחויב.

'ארץ החיים' [פון ר"ח כ"ץ] תהלים יב א;
'באר משה' שופטים עמ' קסח

# שערי גן עדן

אמן און ברכות אין די ווער פונעם בעל הילולא

## דער 'בית אהרן'
### י"ז סיון תרל"ב



דער אהל איבער'ן ציון הק' פונעם 'בית אהרן'.

רבי אהרן פערלאוו פון קארלין סטאלין איז געבוירן געווארן אין יאר תקס"ב צו זיין טאטן האדמו"ר רבי אשר פון סטאלין, דער זון פון רבי אהרן הגדול פון קארלין. אין יאר תקפ"ז, נאך זיין טאטנ'ס פטירה, האט ער איבערגענומען זיין פלאץ. אין אנפאנג האט ער געפירט זיין הויף אין שטאט קארלין, און אין זיינע לעצטע יארן איז ער איבער אינעם דערנעבנדיגן שטעטל סטאלין.

דער רבי איז געווען זייער גרויס אין תורה און אן אנגענומענער מנהיג פאר פיל חסידים. זיין נעץ איז געווען איוסגעשפרייט ביז זייער ווייט און טויזנטער האבן געשטראמט זיך צו שיצן אונטער אים און צו זען זיינע פלאקערדיגע תפילות. נאך שבועות פון יאר תרל"ב איז דער רבי ארויסגעגאנגען אין וועג זיך צו באטייליגן אין זיין אייניקל'ס חתונה, און אין מוצאי שבת פרשת בהעלותך, י"ז סיון תרל"ב, נאך אויפ'ן וועג, איז ער נפטר געווארן און איז באערדיגט געווארן אין שטעטל מעלינאוו אין אוקריינע.

## 'בית אהרן' ברכו את ה'

**אינמיטן דעם ספר 'בית אהרן' זענען געדרוקט געווארן עטליכע נוסחאות פון 'סדר היום' וועלכע דער בית אהרן האט געשריבן מיט זיין אייגענע האנט שריפט, און באמערקט דריי מאל איבער דעם חיוב פון ענטפערן אמן:**

א. מען דארף זייער פארזיכטיג זיין צו ענטפערן אלע אמנים, ביים הערן די רייד פון די ברכה ווי דער מאמר (ישעיה כו ב): "שמר אמונים". לויט מיין מיינונג זאל יעדער מענטש איבער'חזר'ן נאכאמאל אמנים, ביים הערן די ווערטער פון די ברכות וואס מ'איז מחויב צו זאגן יעדן טאג, ווייל זיי זענען 'גבורים הנוצחים' [חז"ל (ברכות נג ב) שטעלט אייך פאר ווי די ברכות זענען איינפאכע סאלדאטן וועלכע ווערן געשיקט צו אנהייבן די מלחמה און דעם ענטפערן אמן - ווי די גענעראלן וואס זיגן ביי דער מלחמה].

ב. איך שטים צו אז יעדער זאל הערן פון זיין פריינד יעדע ברכה וואס מען דארף זאגן צו ענטפערן אמן. ווי ס'ווערט געברענגט אין כתבי האר"י ז"ל אז ער פלעגט הערן ברכות השחר אפילו פון הונדערטע מענטשן, אפילו ער וואלט אין איין רגע געקענט מייחד זיין אלע עולמות, דאך האט ער נישט אכט געלייגט אויף זיין צייט און זיך נישט געפוילט צו הערן אפילו הונדערט מאל 'הנותן לשכוי בינה' און אלע ברכות".

ג. נאך עפעס פונעם 'בית אהרן'ס האנט שריפט: "מען זאל זיך אנשטרענגען צו ענטפערן אמן אויף אלע ברכות, אויך ברכות השחר, אויך ברכות פון שמונה עשרה, און אלע ברכות."